אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין פעניציען, זענען
3 מיר איינגעשטיגען און אָפּגעפאָרן. און דערזעענ־
דיק די (אינזל) ציפּערן, און איבערלאָזנדיק
זי אויף לינקס, האָבן מיר זיך אַוועקגעשיפט קיין
סיריען, און זענען אָנגעקומען קיין צור; וואָרום
דאָרטן האָט די שיף געזאָלט אויסלאָדן איר פּראַכט.
4 און נאָך דעם ווי מיר האָבן אויפגעזוכט די תלמידים,
זענען מיר דאָרט פאַרבליבן זיבן טעג; און זיי האָבן
גערעדט צו פּוילוסן דורך דעם רוח (הקודש), נישט
5 אַרויפצוגיין קיין ירושלים. און ווען מיר האָבן
געהאַט געענדיקט די טעג, זענען מיר אַרויסגעגאַנגען
און אַוועקגעפאָרן; און אַלע האָבן אונז באַגלייט
מיט די פרויען און קינדער ביז אויסער דער שטאָט;
און מיר האָבן געקניט אויפן ים־ברעג און תפילה
6 געטון; דערנאָך האָבן מיר זיך געזעגנט איינס מיטן
אַנדערן, און זענען איינגעשטיגען אויף דער שיף,
זיי אָבער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.
7 און מיר האָבן פאַרענדיקט די ים־רייזע פון צור,
און זענען אָנגעקומען קיין פּטאָלעמייס; און אָפּגע־
געבנדיק שלום צו די ברידער, זענען מיר פאַר־
8 בליבן ביי זיי איין טאָג. און צומאָרגנס זענען מיר
אַרויסגעגאַנגען, און זענען געקומען קיין קיסריה;
און זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם הויז פון
פּיליפּוס דעם מבשר, איינער פון די זיבן, און
9 איינגעשטאַנען ביי אים. דער דאָזיקער (פּיליפּוס)
האָט געהאַט פיר טעכטער בתולות, וועלכע האָבן
10 נבואות געזאָגט. און בשעת מיר זענען (דאָרט)
פאַרבליבן אַ סך טעג, איז אַראָפּגעקומען פונעם
(לאַנד) יהודה אַ געוויסער נביא, מיטן נאָמען
11 אַגאַבוס. און קומענדיק צו אונז, האָט ער גענומען
פּוילוסנס גאַרטל, האָט זיך געבונדן די פיס און די